# וויטטע קומט אן

## א ראמאן פון אמעריקאניש־אידישען לעבען

## פון עליאס טאבענקין

אידיש פון

ערא

(סוף)

וויטטע האט דיעזען ארטיקעל פון דעם אונבעקאנטען אידישען שרייבער פארגעלעזען פאר מיס גרייווס. זיי פלעגען אפט רעדען איבער גלויבענס און שמייכלען און זיך וואונדערען איבער דער נארישקייט פון אלעמען .... מענש גראבט געגען מענש, און נאציאן געגען נאציאן. וואלטען זיך די בוימער אין וואלד אזוי געריז פערמאסטען אין א טויטליכען קאמף צוליעב דעם אונטערשיעד פון זייערע קארען....

איין זונטאג פריה האט איהם מיס גרייווס בעגלייט אויף א שפאציער דורך דער איסט סייד. אין איין קווארטאל האבען זיי אנגעטראפען א שוהל און א קירכע. עס איז געוועזען א אידישער יום טוב. און אקוראט אין דער זעלבער שטונדע, ווען די מענער און פרויען זענען אויף איין ראג גאס ארוים פון דער קירכע זענען אויפ'ן אנדערען ראג מענער און פרויען ארויסגעגאנגען פון שוהל. די מתפללים האבען אין יעדען פאל געטראגען א געבעט ־ בוך, וואו עס איז אויפ'ן ערשטען פלאץ פערפעטליכט געווארען דער געבאט פון „ואהבת לרעך כמוך".

אין ביידען שווייגען זענען זיי איינס דאס אנדערע פערבייגעגאנגען. יא. דא און דארט. אפילו מיט א בליק פון כעס און האס.... עטליכע קינדער האבען ארויסגעבריקעט „שיני", און האבען נאכגעקריכט א אידען מיט א בארד, וועמענס געזיכטס ציגע זענען ניט געוועזען אונעהנליך צו די. וואס ארטיסטען שרייבען צו קריסטיסען.

מיס גרייווס האט דאס בעמערקט, און האט פערביסען די ליפען. אז זי האט צוריק געקענט זיך קאנטראלירען. האט זי געזאגט:

איין טאג וועט די מענשהייט איבערוואקסען דיעזען פאנאטיזם און נארישען גלויבען. עס איז אונגלויבליך. אז דיעזע קינסטליכע צוימען צווישען די ראסען זאלען בלייבען אויף תמיד...

עמיל האט ביי דעם שטיל און טרויעריג געשמייכעלט. אויף זיין שרייב ־ טיש איז געלעגען דער ניט פערענדיגטער מאנוסקריפט אויף דער טעמע „דער אויפשטייגענדער עבע און פלוס פון דעם נאציאנאליזם". וועלכעס ער האט געשריבען. אפילו דאמאלס זענען איבער גאנץ אייראפא די קלענערע נאציעס געוועזען און אין אויפרעגענדען צושטאנד. פאדערענדיג דאס רעכט צו עקזיסטירען אלס אונאבהענגיגע נאציאנאלע קערפערשאפטען. ווי עס איז געוועזען דער פאל מיט די אידען אין די טעג פון די נביאים. האבען יעדע פון דיעזע פעלקערשאפטען געפאדערט א קעניג, און האבען בעגריסט טיראנייע. אזוי לאנג ווי די טיראנען זענען געוועזען פון זייער אייגענעם בלוט.

האט איהר מיטגעטהיילט דיעזע געדאנקען און זיינע ספקות וועגען דער שנעלער פערשווינדונג פון ראסען ־ אונטערשיעדען און נאציאנאלען האס.

„וועט שוין גאר קיין סוף ניט זיין צו דעם?" האט מיס גרייווס געפרעגט מיט אן אונבעגרענצטער טרויער". וועט דיעזע אונזיניגע שנאה צווישען די פערשיעדענע גלויבענס אנהאלטען אויף אימער? וועט דער צלם, וועלכער איז בעצוועקט געווארען אלס דער סימבאל פון ליבע פארזעצען איהענטיפיצירט צו ווערען מיט פערפאלגונגען? וועט דאס קלינגען פון די קירכען ־ גלעקער, וועלכע האט געזאלט בעצייכענען דאס אנקומען פון פריעדען און גוטען ווילען, פארזעצען צו בעדייטען פאגראמען, פאגראמען אויף כליאנען מענשען. איז גאר ניטא קיין וועג, ווי אזוי ארויס צו געהן פון דעם?"

עטליכע טעג שפעטער האבען זיי דעבאטירט איבער דערזעלבער פראבלעמע זיצענדיג אויף א באנק אין אן אווענד אין פראספעקט פארק.

וויטטע איז היינט מעהר ווי געוועהנטליך געוועזען נאכגעביג. עס האט אויסגעזעהן, אז עס איז ניט פערהאן קיין אויסוועג פון דיעזען צומישעניש פון רעליגיעזען פאנאטיזם און פערפאלגונג. ער האט אויסגעזעהן אז עס איז ניט פערהאן קיין רפואה פאר דיעזען בלינדען אונפערשטענדליכען ראסען ־ האס. ער האט מורא געהאט, אז עס וועט קיין אויסוועג ניט זיין — זיין ליעבע, זיין גליק האט געהאלטען אין צופאלען.

מיס גרייווס האט אויסגעקוקט הילפסלאז, מוטלאז. זי האט געכאפט א קוק אויף וויטטעס געזיכט. עס איז געוועזען שמערצפול. א לאנגע צייט זענען זיי געזעסען שווייגענדיג. . . .

ענדליך האט זי געבראכען דאס שווייגען. איהר שטימע האט וויברירט מיט געפיהל. עס האט געקלונגען פרעמד און ווי פערחלומט, ווי עס וואלט געקומען פון זעהר ווייט...

„יא", האט זי געזאגט, „עס איז יא דא א וועג... ווען מענשען וואלטען עס נאר געקענט זעהן..... ליעבע — דאס איז דער אויסוועג... מיר דארפען אלע נאכפאלגען די שטימע פון דער ליעבע....

וויטטע האט פון איהר אבגעווענדעט זיין געזיכט. ער האט געפיהלט. אז קוקט ער איהר יעצט אין די אויגען. וועט ער זאגען דאס, וואס זיין הארץ האט געוואלט אויסשרייען. אבער וועלכעס זיין צונג האט מורא געהאט ארויסצורעדען.

עס איז געוועזען קירצליך נאך דעם אווענד, ווי ער האט אויפגעהערט צו געהן צו די גרייווסעס. ער איז געבליבען פון דער ווייטענס, און פאר וואכען און וואכען האט ער געקעמפט און געשטריטען מיט דיעזער פראבלעמע. עס איז געווען אין דיעזער אבוועזענהייט. ווען איהר צארטע בריעף איז איהם אנגעקומען...

ער האט אויפגעהויבען דעם בריעף, און האט עס נאך אמאהל איבערגעלעזען.. ער איז געוועזען נאהענט צו טרעהרען... וואס פאר א שייכות האט זי מיט א נארישער שנאה פון צוויי טויזענד יאהר? ווארום זאל ער איהר האלטען פעראנטווארטליך צוליעב די שלעכטע אבזיכטען פונ'ם קריסטענטהום? דער האס צווישען קריסט און איד איז ניט ארויסגעקומען פון איהר — ניט וויעדער. ווארום זאל דאס פערפינסטערען זייערע לעבענס? ווארום זאל עס זיין אינ'ם וועג פון זייער ליעבע?

ער איז געזעסען א צייט אין זיין שטוהל... א שוואכקייט איז איהם בעפאלען א נודנעקייט... דער צימער האט אויסגעזעהן אנגעפילט צו ווערען מיט שטימען... זיין פאטערס שטימע... און זיין מוטערס..... פערדרוס.. האט זיך געהערט אין זייערע שטימען..... טרעהרען זענען געוועזען אין זייערע אויגען.....

ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין חלום.. זיין מוח איז געוועזען קלאהר ער האט בעשלאסען.

זיין פאטער וועט איהם פערשטעהן... ...ער האט איהם תמיד פערשטאנען. . און זיין מוטער, וואלט זי געלעבט, וואלט זי אויך געוועזען מיט איהם... ער וואלט זיי עס געקענט ערקלעהרען.... און זיי וואלטען עס איינגעזעהן... ער גיט זיך ניט אונטער.... ער אנטלויפט ניט... ער זוכט בלויז צו נעהמען פונ'ם לעבען יענעם גליק, וואס געהערט צו איהם.... דאס גליק וואס איז מענשליך. און ווייסט ניט פון ראסע און גלויבען....

ער איז אויפגעשטאנען און גענומען די טעלעפאן ־ טרובקע. ער האט אנגערופען א ציפער. זיין שטימע איז געווען קלאהר און מאדנע רוהיג. פּלוצלונג האט זיך א טיעפע רויטקייט בעוויזען אויף זיין געזיכט. זי האט געזעהן. ער האט פערלוירען יעטווידע קאנטראל איבער זיך.

„יא", האט ער געשטאמעלט, „איך קום גלייך — איך זעהן — בארבארא —"

אהן טומעל איז ער ארויס פון רעדאקציע. אויפ'ן גאס האט ער עטליכע קווארטאלען שפאצירט שנעל. זיין גאנג האט אבער געשטערט זיינע געדאנקען זיינע וויזיאנען. ער האט א וואונק געטהאן צו א דורכפאהרענדען אויטאמאביל. ער האט זיך אין זיין זיידפלאץ אנגעלעהנט אויף צוריק און האט פערמאכט די אויגען.

בארבארא האט איהם בעגעגענט אין פארהויז. דער פערוואונדערטער אבער ראד גליקליכער בליק אין איהרע אויגען האט איהר געמאכט אויסקוקען שעהן... זי האט צו איהם אויסגעשטרעקט איהרע הענד אבער ער האט עס ניט בעמערקט... ער האט איהר געקוקט גלייך אין געזיכט... זי האט איהם קיינמאהל ניט געזעהן, אז ער זאל פריהער אויף איהר אזוי קוקען... די ווערטער זענען פערשטארבען אויף איהרע ליפען... זי האט עס צוריק געפונען — אין זיינע ארעמס.

ע נ ד ע.

יעדער 10c פעקעדזש פון
ווילסאנ'ס
פליגען פעדס
וועט פערניכטען מעהר פליגען ווי $8 ווערטה פון קלעבעדיגען, אנקלעבענדיגען פליגען פאפיער

ריין צו האלטען, פערקויפט פון אלע דראג'יסטען, גראסערים און דזשענעראל סטארס.

**ב. ראם ענד קאמפאני**
ווינשט אלע אידען פון אנטעריא א לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**די בעסטע וויין און ליקער**
קען מען נאר בעקומען ביי
**ב. ראם און קאמפאני**
די עלטסטע עטאבלירטע פירמא אין מאנטריאל
מיר שיקען אונזערע ארדערס גוט און שנעל, האלט אונזער פרייז ליסט פאר רעפערענס

**העננעסיעס ברענדי**

| | א קייס | 6 באט. | 4 באט. |
|---|---|---|---|
| מארטעל 1 סטאר | $22.00 | $12.00 | $8.00 |
| העננעסיע 1 סטאר | 22.00 | 12.00 | 8.00 |
| העננעסיע טהרי סטאר | 25.00 | 14.00 | 10.00 |
| העננעסיע וו. א. | 27.00 | 15.00 | 12.00 |

**וויסקיע פער גאלען**
סיגראמס וואקער, ראיעל דיסטילערי, קארביע.
די פרייזען ענטהאלטען אויך עקספרעס הוצאות און פאר די קאנטיינערס.

| | 1 גאל. | 2 גאל. | 5 גאל. |
|---|---|---|---|
| סיגראמס וו. א. | $7.50 | $14.50 | $35.00 |
| סיגראמס „83" | 5.75 | 10.50 | 25.00 |
| סיגראמס ווהייט ווהיעט | 5.75 | 10.50 | 25.00 |
| סיגראמס טהרי סטאר | 5.25 | 10.00 | 22.00 |
| וואקערס קלאב | 6.75 | 13.00 | |
| וואקערס אימפיריעל | 5.75 | 10.50 | |
| ראיעל רעזערוו | 5.75 | 10.50 | 25.00 |
| קארביעס ספעשעל אויסגעקליבען | 5.75 | 10.50 | 25.00 |
| ראי אדער מאלט 25 יו. פ. | 5.00 | 9.50 | 22.00 |
| ראי אדער מאלט 40 יו. פ. | 4.50 | 8.50 | 20.00 |
| אלקאהאל (ספיריטס) פרוף | 5.85 | 11.00 | 26.50 |
| אלקאהאל (ספיריטס) 50 א. פ. | 8.00 | 15.00 | 35.75 |
| אלקאהאל (ספיריטס) 65 א. פ. | 8.60 | 16.20 | 38.75 |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ברענדי פער גאלאן | $5.00 | $6.00 | $7.00 | $8.00 |
| סקאטש פער גאלאן | $5.00 | $6.00 | $7.00 | $8.00 |

קימעל, פעפערמינט, טשערי ברענדי, פיטש ברענדי, אניסעטע — פער דאזען $12.00, פער גאלאן $6.00

ברענדי פער א דאזען באטעלס — $8.00 $10.00 $12.00 $13.00

מיר בעצאהלען די עקספרעס קאסטען צו אלע אייזענבאהן אין אנטעריא, איסט פון ליוק יוראן און סאוטה פון נארטה בעי, פאר אנדערע פונקטען אין אנטאריא רעכענט צו 50 סענט.

**קענעדיען וויסקיעס**
קייסד גודס

| | א קייס | 6 באט. | 4 באט. | 3 באט. |
|---|---|---|---|---|
| קארביים מאדזשעסטיק | $9.00 | $5.00 | $4.00 | $3.25 |
| סיגראמס איין סטאר<br>וואקערס אלד ראי<br>וויסערס רעקריאיישאן אמבער | $9.25 | $5.25 | $4.00 | $3.25 |
| גודערהאם און ווארטס<br>וויסער'ס אלד ראי<br>מייפעל ליעף ראי | $9.75 | $5.50 | $4.25 | $3.50 |
| וואקערס אימפיריאל<br>ראיאל רעזערוו | 10.50 | $6.00 | $4.50 | 3.75 |
| קארביים ספעשעל סעלעקטעד<br>סיגראמס טהרי סטאר | 11.00 | $6.25 | $4.75 | $3.90 |
| גודערהאם און ווארטס ספעשעל<br>סיגראמס „83"<br>סיגראמס ווהייט ווהיעט<br>וויסערס רעד לעטער | 12.00 | $7.00 | $5.00 | $4.00 |
| וואקערס קלוב | 12.50 | $7.25 | $5.25 | $4.25 |

אין דראפט

| | 5 גאל. | 2 גאל. | 1 גאל. | ½ גאל. |
|---|---|---|---|---|
| וואקערס אימפיריאל<br>ג. און וו. ספעשעל<br>סיגראמס „83" | 25.00 | 10.50 | $5.75 | $3.25 |
| אלד ראי<br>אלד מאלט | 20.00 | $8.50 | $4.50 | $2.50 |
| עקסטרא אלד ראי<br>עקסטרא אלד מאלט | 22.00 | $9.50 | $5.00 | $2.75 |

**סקאטש וויסקיעס**

| | פאר א קייס |
|---|---|
| יאן מעקפהערסאנס | $12.00 |
| מעקערעמס הייכלאנד דיו | $15.00 |
| גילביעס טהרי נים אדער שעריפס טהרי סטאר אדער יאן מעקפהערסאנס אימפיריאל קווארטס | $16.00 |
| טהיסטאל טהרי סטאר אדער דיוארס ספעשעל אדער אשערס, א. וו. ג. אדער ביוקענענס רעד סיעל אדער גילביעס ספעי ראיאל | $17.00 |
| שעריפס טהרי סטאר | $17.00 |
| קינג דזשארדזש IV | $17.00 |
| גלענערנאן אדער וואקערס קילמערנאק אדער בלעק און ווהייט אדער בענס ווהייט קעפ אדער אשערס ספעשעל רעזערוו | $18.00 |
| דיוארס בלו לייבעל אדער שעריפס וו. א. אדער העיג און העיג 3 סטאר אדער דזשאהן העיגס גלענלעווען | $18.00 |
| פערפעקשאן אדער אשערס גרין סטרייפ אדער אלד מיול אדער ווהייט הארס | $19.00 |
| מעקערעמס הייכלאנד דיו אימפיריאל קווארטס | $19.00 |
| דזשאהן העיגס גאלד לייבעל אדער קילמערנאק רעד לייבעל אדער דיוארס ספעשעל ליקער | $20.00 |
| באלאטש לאר גאלד לייבעל אדער העיג און העיג פינף סטאר אדער באלאטש לארס קווארט פלעשער | $21.00 |
| דיוארס עקסטרא ספעשעל ליקער אדער מיטשעלס קווארט פלעשער | $22.00 |
| קילמערנאק בלעק לייבעל | $24.00 |

**אייריש וויסקי**

| | פאר א קייס |
|---|---|
| פאורס טהרי סוואלאו | $18.00 |
| דזשיימעסאנס טהרי סטאר | $19.00 |
| טייקלארס קאלערעין 10 יאהר אלט | $19.00 |
| בורק'ס קווארט פלעשער | $22.00 |
| קינאנס קווארט פלעשער | $22.00 |
| מיטשעלס קווארט פלעשער | $22.00 |

**א פולע פרייז ליסט וועט געשיקט ווערען אויפ'ן פערלאנג**

אז אסארטירטע קייס פון צוועלף פלעשער ליקער וועט צוזאמען געשטעלט ווערען אויף די אויבענדערמאהנטע פרייזען.

Phone E. 193 FROM Established 1880
**B. RAM & Company, Inc.**
**WINES, LIQUORS**
289-293 St.-Dominipue St., Montreal, Que.

פּאלאץ, גאלד און בעדיענער. ער האט געמוזט אליין אוועק ערגעץ דיענען אום זיך צו פערדיענען א שטיקעל ברויט...

ש. מחדבילע.

## א גימעל

איז דער ענטפער צו דער רעטעניש פון לעצטען זונטאג.

פאלגענדע האבען געטראפען:

אברהם סאמילאוויץ 216 פארטלענד סטריט.
אהרן בארגמאן 236 ריווער סטריט
נחמה ליטנער 9 גלענביילי סטריט
י. הורוויץ, האמילטאן
א שאפירא, דזשאקסאנס פאינט אנט.
י. קאצמאן, ווהיטבי נאט.
ב. מ. מרגליות 18 נאסא סטריט.
הערדי חיים, נאדט קאבאלט אנט.
גרשון לייזעראוויטש 16 קענזינגטאן
א. פויזנער 37 מיידזשאר סטריט.

## א רעטעניש

איך בין נאך יונג
ערשט דאס פיערטע יאהר,
צרות פערשאפט
האב איך אהן א שיעור
כמעט די גאנצע וועלט
האב איך ארום גענומען.
טרעהרען און בלוט
איז דורך מיר געקומען.
ווען מיין נאמען צוטהיילט
אין צוויי בעזונדערע ווערטער,
ווער איך דאס גליקליכסטע
אין פערשיעדענע ערטער.
דאס ערשטע מוז ווערען געברויכט
צו יעדער עסען וואס איז געקאכט
און פון צווייטען ווערט געפיהרט,
אלעס וואס אין דער וועלט עקזיסטירט.

א. האפמאן

אונזער יוגענד
L.R.

## די היים

פון פסח מאטענקא

טייבעל מיילע, טייבעל שעהנע
טראג מיין בריעף מיט דיר אוועק,
איבער פעלדער, איבער וועלדער
איבער גערטנער — אהן אן עק.
פויגעל ווייסער, פויגעל ליעבער,
טראג אוועק מיין גרוס צו איהר
צו מיין גוטער אלטער באבע'ן
וועלכע ווארט אזוי אויף מיר.
פרעג זי צו דאס קליינע טייבעל
לעבען אונזער אלטער מיהל,
לויפט נאך אלץ אזוי ווי פריהער
לויפט בנעימותדיג און שטיל.
פרעג זי וועגען יענע פלעצער,
(ווי איך בענק נאך זיי אצינד!)
וואו איך האב געשטיפט, געפרעהט זיך
וואו איך האב געלעבט אלס קינד.

## דאס וואונדער פויגעלע

(א מעשה'לע)

אמאהל איז געווען א אינגעלע בערעלע האט ער געהייסען. א קיילעכדיגער יתום איז בערעלע געבליבען ווען ער איז זיעבען יאהר אלט געווארען. האבען איהם גוטע מענשען צו זיך אריינגענומען און איהם ווי אן אייגען קינד געהאלטען. האבען איהם אין חדר געגעבען און האבען פון זיין אלט קעפעל שטארק געהאלטען.

בערעלע האט אויך ליעב געהאט צו וואנדערען, איבערהויפט האט ער ליעב געהאט צו געהן אין וואלד הערען ווי די פויגעלאך זינגען.

איז ער אין א זומער פארנאכט אוועק אין וואלד, געגאנגען פון בוים צו בוים זיך אוועקגעשטעלט פערריסען דאס קעפעל און הערט זיך אויפמערקזאם איין ווי פון די נעסטען צווישען די צווייגען זינגען ארויס פויגעלשע שטימעלאך.

איז ער געשטאנען פערגאפט.

אין דרויסען האט שוין אנגעהויבען פינסטער ווערען און ער האט ניט בעמערקט.

ער איז געווען שטארק פערטיעפט אין דער נגינה פון איין פויגעלע וואס איז זיך פערגאנגען אין טרעלען מעהר ווי אלע אנדערע פויגעלאך, געזונגען העכער, שטארקער און זיסער ווי אלע אנדערע פויגעלאך. דעם פויגעלס שטימע האט איהם שטארק גערירט ביז טרעהרען.

האט בערעלע אנגעהויבען שטילערהייד וויינען ביז ער האט זיך צוכליפעט אויפ'ן קול. איז דאס פויגעלע שטיל געבליבען, איז בערעלען נאך אומעטיגער געווארען און זיין ביטער געוויין האט זיך צוטראגען איבערן גאנצען וואלד.

פלוצלונג הערט ער ווי עמיצער שעפטשעט איהם אויפ'ן אויער און טרייסט איהם: שא, בערעלע, וויין ניט. איז ער פון גרויס שרעק פערציטערט געווארען און ניט געוואוסט וואס מען הויבט אן צו טהאן.

ער האט אביסעלע אויפגעעפענט אן אויג און בעמערקט ווי א פויגעלע שטעהט אויף זיינע אקסלען און טרייסט איהם, איז איהם שיער די נשמה ניט איינגעפאלען און ער האט זיך אנידערגעווארפען אויף דער ערד און גלייך איז די ערד געווארען דורכגעווייקט פון בערעלס טרעהרען, אז ער איז שיער אליין ניט אוועקגעשוואומען אין זיין אייגענעם טייך טרעהרען.

האט דאס פויגעלע צו איהם אנגעהויבען צו רעדען ווי א מענש און עס האט גלייך א מאך געטהאן מיט איין פליגעלע איז דער וואלד אויסגעטריקנט געווארען און קיין סימן פון בערעלס טרעהרען. א מאך מיט'ן צווייטען פליגעלע און עס איז ליכטיג געווארען — און בערעלע האט דערזעהן אז עס איז ניט קיין פראסט פויגעלע, נאר א וואונדער פויגעלע.

רופט ער זיך אב צו דעם:

אז דו קענסט שוין יא מאכען אזעלכע קונצען — מאך אז איך זאל ווערען א גרויסער בחור און ניט דארפען מורא האבען אהיים צו קומען.

— גוט, האט דאס פויגעלע געענטפערט — לעג זיך שלאפען דא אונטערן בוים און מארגען וועסטו אויפשטעהן א גרויסער בחור.

אזוי איז געווען.

ער כאפט זיך אויף אין דער פריה און ער האט זיך אליין ניט דערקענט און אנגעהויבען ארומזוכען דעם קליינעם בערעלע וואס האט זיך ווי א אינגעלע געלעגט שלאפען אונטער דער בוים.

דאס פויגעלע איז גלייך געקומען צופליהען צו איהם און איהם פערזיכערט אז ער איז עס דער זעלבער בערל פון נעכטען.

האט זיך בערעל אנגעהויבען קלאגען פארן פויגעלע אז די קליידער זיינען צו קליין אויף איהם און צוריסען. ער וויל לאנגערע בעסערע, נייע.

מארגען אין דער פריה וועסטו אלעם קריגען, האט איהם דאס פויגעלע געענטפערט.

אויף מארגען אין דער פריה איז בערעל שוין אויסגעפוצט געווען מעשה נגיד — און עס איז איהם שוין ניט אנגעשטאנען צו געהן אהיים צו די קבצנים עס איז איהם ביים פויגעלע אויך ניט שלעכט, ער האט דא פון פויגעל־מילך.

און פונוואס בערעל האט נאר אויסגעטראכט, האט ער עס אויף מארגען בעקומען. דאס פויגעלע האט זיך צו איהם בעוויעזען אלע טאג, ער האט אויסגעדריקט זיינע פערלאנגען וואס זיינען אויפ'ן צווייטען טאג מקוים געווארען.

פערגלוסט זיך בערלען א גרויסער פאלאץ געבויט אויף קרישטאל און ווען די זון וועט אויף איהם שיינען זאל דער פאלאץ פון ווייטענס אויסזעהן ווי א קאלירטער פלאם פייער.

[illegible] האט ער עס געקראגען.

פאדערט ער א גרויסע צאהל משרתים און דיענסטען וואס זאלען איהם בעדיענען.

אויף מארגען — זיין וואונש פּונקטליך ערפילט.

האט זיך בערעל מיישב געווען: דאס אלעס? ניין, עס איז ניט גענוג, איך דארף זיין רייכער, לויט מיין פאלאץ; און ער האט בעפוילען דעם פויגעלע, דער פאלאץ זאל אויסגעצויגען ווערען פיערציג מייל די ברייט און פיערציג מייל דיא לענג. די צימערען זאלען זיין פערציג אין צאהל — און יעדער צימער זאל זיך ציהען א מייל די לענג!

וואס נאך?

אה, יא! אונטער יעדער צימער זאל זיין א געהיימע היהל און אנגעפילט מיט גאלד, צו אלע צימערען זאל זיין איין אריינגאנג, איין טיהר, איין שלאס און איין שליסעל. דער שליסעל זאל ליגען ביי איהם צוקאפענס.

בערעלס וואונש איז ערפילט געווארען.

און בערעל האט זיך וויעדער מיישב געווען: פאר וואס זאל דאס פויגעלע ארומפליהען זיין פריי, און ער זאל זיצען אין דער היים היטען דאס גאלד און היטען די דיענער? און ער האט בעפעהלען דעם פויגעלע אז עס זאל זיך שטעלען ביי איהם אין דיענסט און זיין דער הויפט שומר.

האט דאס פויגעלע, דאס מאהל גאר ניט געענטפערט. עס האט א פאטש געטהאן מיט די פליגעלאך און אוועק.

— — — — — —

אויף מארגען איז בערעל אויפגעשאנען א גרויסער ארימאן, קיין סימן פון

**לאזט אייך ניט נארען**

**דער איינציגער פלאץ צו שיקען געלט נאך אייראפא איז דורך**

**מר. ה.**
**וויינבערג**

מר. ה. וויינבערג איז געווען דער איינציגער וועלכער האט איינגעפיהרט אז געלד זאל געשיקט ווערען לויט'ן טאגעס קורס און מען זאל פונ'ם עולם ניט רייסען די הויט. און א דאנק איהם האבען אלע די וועלכע האבען געוואלט שיקען געלד געמוזט רעכענען לויט'ן טאגעס קורס.

איהר האט פראפעטירט פון דעם. און דער איינציגער פלאץ אין וועלכען איהר ווערט באהאנדעלט ראיעל און עהרליך איז דער זעלבער

**זיכער, שנעל און גאראנטירט אז דאס געלד קומט אן אין צייט**

**דאס איז ווען איהר שיקט דאס געלד דורך מר. וויינבערג**

**טהוט וואס אלע טהוען געהט וואוהין אלע געהן**

אין אפיס פון

**„אידישען זשורנאל"**

און דאן וועט איהר זיין זיכער אז דאס געלד וועלכע איהר האט געשיקט אייערע קרובים איז אנגעקומען אין צייט

מר. וויינבערגס רעפוטאציע איז א גענוגענדע גאראנטיע דערפאר